Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT

פרייז 15 גראשען

היינט 10 זייטען

# נייער פאלקסבלאט

№ 272 | Łódź Wtorek, 24 listopada 1931 r. | ניינטער יאהרגאנג | לאדז, דינסטאג י״ר כסלו תרצ״ב | № 272

Adres Redakcij i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71

# נייע ירידה פון ענגלישען פונט

לאנדאן, 23 (ספ. טעל.) א גרויסע בעאונרוהיגונג האט ארויסגערופען די נייע ירידה פון ענגלישען פונט שטערלינג.

די ירידה איז ארויסגעקומען צוליב דעם, וואס ביז מארגען מיטוואך דארף ענגלאנד דעקען די אימפארט-פערפליכטונגען מיט גאלד.

גאלד איז צוליב דעם געשטיגען און דער פונט איז געפאלען.

## די ארבייט פון פעלקער=בונד=ראט

### וועגען כינעזיש-יאפאנישען קאנפליקט

פאריז, 23 (פאט). כינעס מעמארענדום, וואס איז נעכטען איבערגעגעבען געווארען דעם פעלקער-בונד-ראט, בעשטעטיגט, אין פרינציפ, צו שאפען אנ׳אויספארשונגס-קאמיסיע, בתנאי אבער, אז יאפאן זאל עוואקואירען מאנדזשוריען און אפשטעלען די קריגס-אקציע.

אויף דער נעכטיגער זיצונג פון ראט איז בעטראכט געווארען און עס איז געקומען צו א הסכם צו שאפען א קאמיטעט, וואס זאל בעזייטיגען די שוועריגקייטען בנוגע דער עוואקואציע.

דער קאמיטעט האט אבער נאך נישט געפונען די נעהעריגע פארמולע, וואס זאל בעפרידיגען ביידע צדדים.

פאריז, 23 (פאט) דער ראט ביים פעלקער-בונד, האט אויף דער זיצונג, וואס איז אפגעהאלטען געווארען אהן די פארשטעהער פון כינע און יאפאן, בעטראכט די רעזאלוציע, וואס דערמאנט די פערפליכטונגען פון 30 סעפטעמבער ה.י. דאס איז געווען א פראיעקט צו שאפען אנ׳אויספארשונגס-קאמיסיע, וואס בעשטעהט פון 3 מיטגלידער. די רעזאלוציע זאל וואהרשיינליך נאך היינט צוגעשטעלט ווערען פון ביידע פראינטערעסירטע צדדים.

פאריז, 23 (פאט). לויט די לעצטע קלאנגען זאל די אויספארשונגס-קאמיסיע וועגן די מאנדזשורער געשעהענישען, צוזאמענגעשטעלט ווערען פון א גרעסערער צאהל מיטגלידער, נישט פון 3 ווי מ׳האט פריהער גערעכענט. דאס עוואקואירען פון מיליטער זאל נישט האבען קיין איינפלוס אויף דער ארבייט פון דער קאמיסיע.

Dr. med.
W. Eychner
אקושעריע און פרויען=קראנקהייטען
וואוינט איצט 4 צעגעלניאנא 4
(נעבען קינא „טשארי״) טעל. 134-72
בעהמט אן פון 4 – 2 $^1/_2$ און פון 7 – 8 אווענד.

## ווידער אונרוהען אין שפאניען



אויבען: געשלאסענע געשעפטען אין מאדריד. אונטען: ארעסטירטע סטודענטען

## א נייע יודישע ליטעראַרישע צייטשריפט אין בערלין

בערלין (יט״א) די טעג הויבען דא אן צו ערשיינען „בערלינער בלעטער פאר דיכטונג און קונסט". די נייע צייטשריפט וועט זיין הויפטזעכליך געווידמען די יונגע יודישע דיכטער. אין ערשטען נומער ערשיינען לידער און נאוועלען פון א. נ. שטענצעל, י. ריוו, א. העשל, י. ח. לעווי א. אנד.

קרן-היסוד לאדז

היינט, דינסטאג, 8.30 אוו. קומט פאר א גרויסע

פילהארמאניע=זאל נארוטאוויטש 20

# א״י=אבענד

מיט דער בעטייליגונג פון:

ד״ר ארטור האנטקע (ארץ-ישראל), מיטגליד פון ציוג. עקזעקוטיווע-קאמיטעט, דירעקטאר פון קרן-היסוד אין ירושלים

ד״ר מיכאל טרויב פון בערלין

בילעטען צו בעקומען אין ביורא פון קרן-היסוד, שרודמיעסקא 29 און פון 4 א זייגער נאכמיטאג – ביי דער קאסע פון פילהארמאניע.

אכטונג, מיטגלידער פון דער

# אלטשטעטישער פאלקס-באנק

היינט, דינסטאג, פינקטליך 7.30 אווענד קומט פאר אין לאקאל פון „קולטור-ליגע", בזשעזשינער 23

# א גענעראל=פערזאמלונג

צו וועלכער איהר ווערט אויפגעפאדערט צום לעצטען מאל אין אייערע אייגענע אינטערעסען פינקטליך און צאהלרייך צו קומען.

בעמערקונג: בעזונדערס ווערען אויפגעפאדערט די ראט מיטגלידער ה׳ יצחק פראשקער, וואלבארסקא 31 און חיים ווארשאווסקי, אלעקסאנדריסקא 10 אונבעדינגט צו קומען, אין געגענפאל וועלען זיי טראגען די פולע פעראנטווארטליכקייט.

ראט און פערוואלטונג.

זאל „הזמיר" קאשטשושקי 21.

יידישער טעאטער=קאמיטעט אין לאדזש

זונטאג, דעם 29-טען נאוועמבער, 9 אווענד

# א טעאטער=דיסקוסיע

# אלטע און נייע וועגן פון יידישן טעאטער

רעפערענטן: דיכטער בראדערזאן, ד״ר פאללעק, רעד. ל. פוקס, פ. פעדער, דיר מ. מזאה, רעזשיסער מאשקאוויטש און ד״ר מארטאכאווער. אין דער דיסקוסיע קאן זיך באטייליקן יעדער פון פובל.

בילעטען פריהער צו באקומען אין באר „אייראפעיסקי", שרודמיעסקא 4. 7151

נאך לאנגע און שווערע ליידען איז געשטארבען אין עלטער פון 54 יאהר אונזער הייסגעליבטע מוטער, שוויגערמוטער, גרויסמוטער און שוועסטער

# נ.ע. רויזע אפאטשינסקא

(געבוירענע ברוינער)

געוואוינט אויף שרודמיעסקא 46 (פריהער נאווא-צעגעלנ. 12)

די לויה קומט פאר היינט דינסטאג, דעם 24 נאוועמבער, 3 א זייגער נאכמיטאג פון טהרה-הויז, וועגען וואס עס טיילן מיט אין גרויס צער

די טיפטרויערנדע פאמיליע

דאנקזאגונג.

דערמיט דריק איך אויס מיין הארציגסטען דאנק דעם ה׳ ד״ר שיפמאן פאר זיין בעמיהונג און פאר זיין עדות זאגען אין געריכט.

מאיר בלאטקע, קעלבא 6.

# דר. מ. וואלפסאן

האט זיך איבערגעצויגען

נארוטאוויטשא (דושעלנא) 2

טעלעפאן 128-83

נעמט אן פון 5 – 7 נאכמיטאג

משתתפים אנחנו בצערו הגדול של סגן נשיא שלטון הקהלה העברית בלודז ר׳

# אליעזר הינך ברגר

למות עליו אחותו העדינה מרת

# חי׳ שפרה נ. ע.

פקידי ביה״חו לחולי-רוח

ע״י הקהלה

